#10
בליצן
נטורונא
True Torah Jews
מאמענטאלע
נייעס
פון נטורונא
פרשת כי תבוא תש"ע לפ"ק

True Torah Jews • 183 Wilson Street, suite 162 • Brooklyn NY 11211 • Tel: (718) 841-7053 • Fax: (718) 504-4513

# אַזוי גערופענע זארגער פון כלל ישראל צינדן אונטער שנאת ישראל אין ניו יאָרק ה"י

אין די לעצטע וואָכן גייט אָן אַ שטורעם אין די אַמעריקאַנער פּאָליטישע גאַס אַרום די "**גראַונד זעראָ מעטשעט**", וואו עס קומט קלאָר אַרויס דער אומגליק פון די אַלע ציוני'סטישע תרפ"ט אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געבן זיך אָן אַלס זארגער פונעם כלל ישראל און קעמפער קעגן אַנטיסעמיטיזם פאַר די אידישע אינטערעסן, אָבער פּאַקטיש שלעפּן זיי גאר אַריין דעם כלל ישראל אין אַ מסוכן'דיגע התגרות באומות קאַמפּיין.

ווי באַוויסט האָט אַ געוויסער מוסלעמענער אימאַם געמאַכט פּלענער צו בויען אַ מעטשעט צוויי בלאָקס אַוועק פון גראַונד זעראָ, וואָס איז געוואָרן באַקאַנט אַלס פּאַרק 51. געוויסע פּאָליטיקאַנטן האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַ שטורעם דערקעגן, און עס איז געוואָרן אַ הייסע וואַל-יאָר טעמע.

פּרעזידענט אָבאַמאַ האָט אויסגעדרוקט שטיצע פאַר דעם מעטשעט, מעיאָר בלומבערג האָט זיך גאָר שאַרף אַרויסגערעדט קעגן אירע קעגנער און ער שטיצט דעם מעטשעט, אָבער אַנדערע שטורעמען אַז דאָס איז אַ פאַרשוועכונג פונעם סעפּטעמבער 11 אָנדענק.

מיר ווילן נישט דאָ אַריינגיין צי דער מעטשעט פּלאַנירער איז אַ מעסיגער מוסלעמענער, צי ער האָט יאָ אַמאָל געלאָזט פאַלן מער עקסטרעמע סטעיטמענטס. דאָס אַלעס איז אונז גאָר ווייניג נוגע.

**...דאָס טוען דאָך אַלץ די אַנטיסעמיטן. זיי טרעפן פעלערן ביי איין איד, און פאַר דעם ווילן זיי באַשטראָפן אַלע אידן. ווי אַזוי וועט מען שפּעטער קענען פאַרדאַמען די אַנטיסעמיטן, אויב מ'שטעלט זיך צו, צו ענליכע העצערייען קעגן (להבדיל) מוסלעמענער...**

דער פּראָבלעם איז אָבער ווען אַזוי גערופענע פאַרטרעטער פון כלל ישראל הייבן זיך אָן צו מישן, וואָס שטעלט אידן אין צענטער פון די טעמע און רייצט אויף די מוסלעמענישע גאַס.

דאָך האָט דאָס נישט אָפּגעהאַלטן די אַנטי דעפעמעישאָן ליגע ADL, די אָרגאַניזאַציע וועלכע גיט זיך אָן אַלס וועכטער קעגן אַנטיסעמיטיזם, אַרויסצורעדן קעגן דעם מעטשעט. די גרופּע האָט דערקלערט אַז דער אויפבוי פונעם מאַסק דאַרף אָפּגעשטעלט ווערן ביז מ'ווערט געוואויר ווי אַזוי עס ווערט פינאַנצירט, און האָט באַשולדיגט אַז דאָס שטערט די רויע געפילן פון סעפּטעמבער 11.

די סטעיטמענט איז געדעקט געוואָרן אין די וועלט פּרעסע, אונטער קעפּלעך אַז "אידישע גרופּע שטעלט זיך אַקעגן גראַונד זעראָ מאַסק", וואָס האָט געגעבן דעם איינדרוק אַז אידן זענען די וואָס העצן קעגן דעם מעטשעט.

איבערהויפּט איז געוואָרן פאַרדאַמט די היפּאָקריטישקייט פון די עי.די.על., וועלכע שטעלט זיך אַהער ווי אַ קעמפער פאַר רעליגיעזע טאָלעראַנץ, אַז דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט קעגן אַ רעליגיעזע געביידע, וואָס באַדייט אַז מ'ציעט אַרויף אַ נאַסע ליילעך אויף גאַנץ איסלאַם וויבאַלד מ'האָט צרות פון געוויסע טיילן פון די רעליגיע.

←

דאָס טוען דאָך אַלץ די אַנטיסעמיטן. זיי טרעפן פעלערן ביי איין איד, און פאַר דעם ווילן זיי באַשטראָפן אַלע אידן. ווי אַזוי וועט מען שפעטער קענען פאַרדאַמען די אַנטיסעמיטן, אויב מ'שטעלט זיך צו, צו עגליכע העצערייען קעגן (להבדיל) מוסלעמענער.

מוסלעמענער גרופעס און אַלגעמיינע קאָמענטאַטאָרן האָבן געפערליך פאַרדאַמט די עי.די.על. שטעלונג, באַשולדיגנדיג אַז זיי האָבן זיך דערמיט צוגעשטעלט צום ערגסטן העץ קאַמפּיין קעגן אַ רעליגיעזע גרופע אין די לעצטע צייטן. נאָך אַריינהייבן שווערע קריטיק און פּאָליטישע פּרעשור, און נאכען איבערלאזען א ביטערען רושם אויפן אידישן פאלק, האָט אברהם פאָקסמאַן געגעבן א פּראַוועט סטעיטמענט "אַז ער וועט מער נישט באַקעמפן דעם מעטשעט", אָבער דאָס איז שוין נישט אַזוי שטאַרק געדעקט געוואָרן. אין זכרון איז געבליבן די שרייעדיגע העדליינס אַז אידישע גרופעס באַקעמפן דעם מאָסק.

אויך די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע איז אַרויסגעקומען מיט אַ סטעיטמענט אין וועלכע זיי צווייפלען פון וואו די געלטער פאַר די מאָסק וועט קומען.

דער קאַמף איז איצט געוואָרן זייער אַ סענסיטיווע טעמע צווישן מוסלעמענער און אַראַבישע איינוואוינער אין אַמעריקע, וועלכע זעען עס אַלס אָנגרייף אויף זייער רעליגיע, און זיי נוצן עס אַלס באַווייז אַז זיי זענען צווייט-ראַנגיגע בירגער און געניסן נישט פון די זעלבע רעכטן ווי אַלע אַמעריקאַנער. דאָס גיט שטאָף פאַר די עקסטרעמיסטן, און עס העלפט זיי צו צוציען נאָך יוגענטליכע צו זייער גרופעס, ותוצאותיו מי ישורנה.

ווי יעדער ווייסט זענען היינט די אידישע געגנטן אין ברוקלין שטאַרק אַרומגענומען מיט מוסלעמענער, און טאַקע די ריכטיגע מיט די שלייערס, וועלכע מ'זעט זייער אָפט אין און אַרום באָראָ פּאַרק און פלעטבוש און זיי געפונען זיך אויך נישט ווייט פון וויליאַמסבורג. עס איז שוידערליך צו טראַכטן אַז פון די צענדליגער טויזנטער דאַרף בלויז זיין איינער וואָס זאָל באַשליסן צו נעמען שריט צו פאַרטיידיגן זייערע רעכטן, וואָס דאָס קען חלילה זיין זייער מסוכן פאַר די ריזיגע אידישע געגנטן, השם ירחם.

אָבער פאַר די אידישע גרופעס איז וויכטיגער צו נעמען אַ שטעלונג און פיגורירן אין די נייעס, וואו צו באַשיצן די אידישע אינטערעסן. און אפילו פאַר אַ געוויסן פּאָליטישער באַאַמטער פון באָראָ פּאַרק און פלעטבוש איז אויך געווען וויכטיגער אַראָפּצורייסן דעם מעיאָר אַז זיינע ווערטער זענען "חוצפה" פאַר'ן זיך אָננעמען פאַר'ן מעטשעט און קריטיקירן אירע קעגנער. אַנשטאָט אַרבעטן פאַר די אינטערעסן פון זיינע איינוואוינער, זוכט ער צו שטעקן די נאָז אין טעמעס וואָס געהערן נישט צו אים און חלילה ברענגען אַ סכנה פאַר די אידן אין זיין דיסטריקט ה"י.

**...איבערהויפּט איז געוואָרן פאַרדאַמט די היפּאָקריטישקייט פון די עי.די.על., וועלכע שטעלט זיך אַהער ווי אַ קעמפער פאַר רעליגיעזע טאָלעראַנץ, אַז דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט קעגן אַ רעליגיעזע געביידע, וואָס באַדייט אַז מ'ציעט אַרויף אַ נאַסע ליילעך אויף גאַנץ איסלאַם וויבאַלד מ'האָט צרות פון געוויסע טייל פון די רעליגיע...**

ערליכע אידן דאַרפן לאָזן וויסן אַז די גרופעס און מענטשן פאַרטרעטן אונז נישט; **מיר מישן זיך נישט אין היציגע טעמע; מיר ווילן לעבן אין פרידן מיט אַלע אונזערע שכנים, אַזוי ווי אידן האָבן זיך אַלץ אויפגעפירט דורכאויס די גלות יאָרן.**

שומר ישראל שמור שארית ישראל ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל, מיר זענען מתפלל צו השי"ת אז אידען זאלן ניצול ווערן מכל עקתין בישין און נאר האבן נאר תענוג ואושר ונחת, בביאת גוא"צ בב"א.

**...ווי יעדער ווייסט זענען היינט די אידישע געגנטן אין ברוקלין שטאַרק אַרומגענומען מיט מוסלעמענער, און טאַקע די ריכטיגע מיט די שלייערס, וועלכע מ'זעט זייער אָפט אין און אַרום באָראָ פּאַרק און פלעטבוש און זיי געפונען זיך אויך נישט ווייט פון וויליאַמסבורג. עס איז שוידערליך צו טראַכטן אַז פון די צענדליגער טויזנטער דאַרף בלויז זיין איינער וואָס זאָל באַשליסן צו נעמען שריט צו פאַרטיידיגן זייערע רעכטן, וואָס דאָס קען חלילה זיין זייער מסוכן פאַר די ריזיגע אידישע געגנטן, השם ירחם...**